מרים וואדינגטאָן

## זאָג גאָרנישט

זאָג גאָרנישט
וועגן מיין אויסזען
וועגן די קליידער וואָס איך טראָג
צי איך שמייכל
צי נישט
זיי נישט צופרידן מיך צו זען.
קוש מיך נישט.
מאַך נישט דעם אנשטעל
אַז איך בין אַ העלדין.
איך וועל זיין צופרידן
אז דו וועסט בלויז מאכן
דעם אנשטעל,
אז דו ביסט מענטשלעך.

## א באהעלטעניש

ליבע, אין דיין בוזעם
וועסטו מיר בויען א באַהעלטעניש?
ליבע, אין דיין האנט,
וועסטו מיר וועבן א נעסט ?
און פאר מיין פרייד
וועסטו מיר אויסבויען א טורעם
און מאכן דיין הארץ
פאר מיין בלום?

ווייל דו, מיין בוזעם,
וועסט נישט זיין קיין באהעלטעניש.
מיין האנט וועט קיין מאָל
דיר נישט מאכן קיין נעסט
און פאר דיין פרייד
וועל איך נישט בויען קיין טורעם,
און נישט מאכן מיין הארץ

פאר דיין בלום.

דער הארבסטיקער ווינט
וועט בויען דיין באהעלטעניש,
די אָזערעס פון אגאנקווין
וועלן דיר מאכן א נעסט.
צער אליין
וועט דיר אויסבויען א טורעם
און דער טויט, טויט
וועט זיין דיין בלום.

## BEAU-BELLE

איך ליב מיך אין א פאַרקויפער
פון טרואַ-ריוויער, אין קאַנאַדע
וואָס זינגעוודיק דרייט ער די רישן
און שמירט זיך די האָר מיט פּאָמאַדע.

ער איז גלאַטיק אַזוי ווי א פּאָקע
זיין שמייכל איז פריילעך און ליכטיק.
הגם מיין נאָמען איז מרים,
רופט ער מיך פּאָלי, נישט וויכטיק.

ער שיקט מיר הארציקע גרוסן
אויף קאָרטלעך מיט גאָלדענע בענדער
און שיקט מיר פּאָטאָגראַפיעס
פון פאַרשנייטע הויפן און פעלדער.

איך בין א שלעכטע "אַנגעלקע",
נאָר ער טוט מיר דאָס ערלעך פאַרגעבן.
צווישן אונדז אלע-ביידע
איז דאָ לעבן און לאָזן לעבן.

## פריען

א טויזנט יאר
אין א טויזנט שטעט
האָבן מיר געלעבט אין

וויזיעס אויסגעחלומט
פון אנדערע. מיר זיינען געווען
די לאָמפּן-צינדערינס אין היימען,
די לעמפּלעך-טוישערינס אין דירות
די שפּינערינס פון וואָל אין צעלטן,
די וועבערינס פון ליין אין כאַטעס
און די פאַראַרבעטערינס
אין די ניילאָן-פאַבריקן.

מיר זיינען תמיד
די דיל-וואַשערינס,
די איינגעמאַכטס-מאַכערינס,
די קינדער-טראָגערינס
און די וויג-ליד-זינגערינס.
דאָך, אונדזער נאָמענלאָזיקייט
איז געווען אומעטום און
אונדזערע נעמען
זיינען תמיד געשריבן געוואָרן
אויפן ווינט, אַ פּאָסט-בריוו
געשיקט נאָר צו דער לופט.

איצט בלאָזן די ווינטן אַראָפּ
אלטע וויזיעס פון דעם זכרונס בלעטער
און מיר זיינען נישט מער
דאָס פּנים אינעם בילד, נאָר
די האַנט וואס שאַפט דאָס בילד.
מיר זיינען נישט מער
דאָס וואַסערדיקע ליד
איבער די וואסערן פון ווינט,
נאר דער קוואל פון די וואסערן
וואָס פליסן צוריק
צו די וואסערן.

אונדזער קול האָט זיך אויסגעהיילט
פון פיבער פון שטומקייט.
עס ברענגט פון די וואסערן
די געזונטקייט פון פרימאָרגן.
מיר פּלאַנעווען איבערלעבונגען
איבער מאַפּעס, ביים ליכט פון
דער צוקונפט.

מיר גראווירן אונדזערע נעמען
אינעם שטיינערנעם וואלד פון דער צייט.

## היי-יאָר אין ירושלים

מיט יאָרן צוריק האָט חנה,
די פרוי וואָס רוימט די
די ביוראָען אין ירושלים
געשאָלטן די ווייסע זון
פון ירושלים, ווייל
זי איז נישט געווען די גרינע
זון פון איר שטעטל
אין פוילן.

היי-יאָר האָט די זעלבע חנה
אויף א סיבה צו שילטן.
זי שילט די מיצרים
און די סיריער וואָס האָבן
דערהרגעט דעם זון
וואָס זי האָט געבראַכט
קיין ירושלים
פון איר שטעטל
אין פוילן.

און היי-יאָר, יעדן פאַרטאָג,
קומען נישט די קעץ
די קעץ פון ירושלים
צו די שטיגן פונעם פּאָסט-הויז
וואַרטן אויפן פרימאָרגן
און אויף די רוימערקעס
וואָס וועלן זיי קאָרמענען.

היי-יאָר ווייסן אפילו די קעץ,
אַז עס זיינען פאַראַן
צו פיל שונאים.

# ביים ים: פאַר א. מ. קליין

זיין צער איז געפאלן און געפאַלן,
ער האט געאָבלט ביז שפּעט,
אז זיין מוח קאן נישט זיין פונקט ווי ניי—–
אַ גאַנצקייט אויפסניי, אָן אַ נעט.

ער האט אים געפּוצט מיט סלינע
פארשטאָפּט אים די שפּאַלטן מיט קליי,
צוגענאָגלט אים פעסט אין דער לופטן—
דאָך איז ער פאַרפלויגן, פאַרביי.

ער האָט אים געפאַנגען אין נעצן
פון הריפות און זיידענע ווערטער,
נאָר זיין צעבראכענער מוח
איז געבליבן געפּלאַצט אַ צעשטערטער.

ער האט אים פאַרשטעפּט מיט די גראָזן
און אים פאַראַנקערט מיט שיפן,
געזעגלט מיט צעבויגענע ווערטער
און געלאָזן זיי זינקען אויף ליפּן.

עס האָט אין געפליצן פון פערזן
געניידערט א זילבערנע שורה
און געזען זיין צעבראָכענעם מוח
פאַרהאַסשען זיך דאָרט צו אַ קלל

האָט ער אַראָפּגערופן מלאכים
פון די באַלקאָנען פון הימל,
האָבן זיי אויסגעליידיקט זיין לעבן
און פאַרבאָטן דעם אייביקן דרעמל.

פאַטריקנט האָט עמען די סטאַוועס
פון זיין אָן-אותיותדיק לאַנד,
פרעמדע האָבן באַהאַלטן דעם דרך
אונטער אַ מייל פול מיט זאַמד.

אַפּאַלאָס גאָלדענע אויער
פאַרזיגלט קעגן קול פון זיין קעל,
זיין איינזאַמער, צעבראָכענער מוח

פֿאַרטריבן פֿון גן-עדנישער שוועל.

זיין צער ער פֿאַלט און פֿאַלט
אויף גרינע פֿעלדער, צעווייסט.
ער וויגט זיין צעבראָכענעם מוח
קיין מאָל נישט פֿולקום פֿאַראייִנסט.

און ער זינגט זיין פֿאַרשוויגן געזאַנג
צו דער ערד, דעם בוים, דעם שטיין.
מיר הערן אים ווען מיר הערן
ווי דער רעגן האַמערט אין שטיין.

דער רעגן האַמערט אין שטיין.
אבער וויפֿל פֿון אונדז דערקענען,
אַז זיין צעבראָכענער מוח, דער פּחד
איז אָט דער וואָס איז אין אונדז אליין.

( פֿון בוך: דער פּרייז פֿון גאָלד.)

יידיש: חוה ראָזענפֿארב

אדעל ווייסמאן

## אן אלטע פרוי שפילט זיך

ארום פיר א זייגער פאר טאג הייבט מיין מאמע זיך אן פילן שלעפעריק. זי שטעקט אריין און ארויס די נאדל און פאראנקערט זי אויפן בוזעם פון איר קלייד. זי קלייבט צוזאמען דעם פינגערהוט, דאס שערל און די שטיקלעך מעטאל. זי לייגט צוזאמען די יידישע צייטונג, דרייט אראפ די אלטמאדישע ראדיא אויפן "מענטל-פיס", וואס איז געווען אנגעשטעלט אויפן ביינאכטיקן פראגראם פון קלאסישער מוזיק. זי וואשט זיך, ווייקט איין די אויבערשטע פאלשע ציין און באקליידט זיך אין איר נעלאפראקאירע שאפהעקדער,אראטלדיי-בעקופטצרטע מיט בלומען, לויז צוזאמענגענומען, מיט ריזשקעס, אן ארבל, אויסגעשניטענע אין א "שעפ-לעפל"-פארעם ארום האלדז. זי דרייט אראפ דאס ליכט און טאפט זיך אויס א וועג אין בעט אריין. זי ליגט רויק, אויף א זייט, איינגעצויגן און נישט אנזעעוודיק, אחוץ א פאסטע צי צוויי פון אירע גרויע האר, אויב מען קוקט פון גאנץ נאענט. א פעטינקע בערגעלע אונטער די קאלדרעס, מיט א לעכל צו אטעמען ערגעצוווו.

ארום מיטאגצייט וועט איר לאנגע פיינע נאז זיך קודם באווייזן פון אונטער דעם באוועגלעכן בערגל. הגם זי איז געוויינטלעך וואך אין א רגע, ביי יעדן שארך, וועט זי זיין פארזיכטיק אויפצושטיין פאמעלעך, כדי נישט צו"צעטרייסלען"דעם "בלוטדרוק און צו פארמיידן דעם קאפשווינדל און די שווערקייט אין קאפ. קודם כל טוט זי אן די ברילן, זאגט זיך צו זיי שפעטער אפצופוצן. אבער א ביסל שפעטער, ווען זי איז שוין אפגעוואשן, האט שוין געגארגלט דעם האלדז און אויסגעשווענקט דאס מויל, טוט זי זיי ווידער אן א צעשטרייטע און קומט פנים-אל-פנים מיט דער וועלט דורך די גוט-באקאנטע פלעקן און פינטעלעך. זייבארגט דאס מיטאג פאר זיך און פאר מיין טאטן, וועלכער איז שוין א סך שעהען וואך, און נאך דעם ווי ער האט סערווירט די קאווע און זי האט אוועקגערוימט די איבערבליי-בעכצער-- טוט מיין מאמע ווידער פונאנדערלייגן דאס נייבעצייג. איך האב נישט קיין אנונג ווי אזוי עס געלונגט איר איינצופעדעמען די נאדל. אירע טיפע קאראמעלן-אויגן פארמורעשען זיך געדולדיק אונטער די נעפלדיקע ברילן בעת זי הייבט אונטער אירע פעטינקע ארעמס. אבער אירע קורצע פינגער, מיט "חן-גרימעלעך" זעען אויס צו האבן אנטוויקלט זייער אייגענע ראיה. מיין מאמע איז אכציק יאר אלט. במשך פון דריי פערטל פון א יארהונדערט האט זי איינגעפעדעמט נאדלען. אירע הענט זיינען בעצם געווארן די אינסטומענטן פון איר ראיה.

-וואס טוסטו, מאמא?
– א, איך מאך עפעס.
– וואס וועט דאס זיין?

-מען וועט זען. אפשר וועט ארויסקומען א ליאלקע דערפון.

– פאר וועמען?

– פאר א קינד ערגעץ.

-פאר וואס מאכסטו ליאלקעס, מאמא?

– צו פארשאפן די קינדער פארגעניגן.

– נאר די קינדער?

– וועמען דען?

– איך האב ליב דיינע ליאלקעס.

– נו?

– איך בין א מיטל-יאריקע פרוי.

– דו ביסט נאך אלץ מיין קינד.

ווי אפס האב איך משך פון אלע יארן רעפעטירט אט די שאלות און גע-פרווט צו געפינען די ווערטער מיט וועלכע אדורכצושטעכן איר בפירושע אומשולד.

-אבער , מאמא, וואס טוסטו באמת בעת דו מאכסט די ליאלקעס?

– כ'האב נישט ליב ארומצוזיצן[טראכט] איך: אפשר וועל איך געבן א קינד א ביסל פארגעניגן.

– טא וואס מכוח די בילדער פון קנעפ און די אנדערע זאכן וואס די מאכסט, טראכסט אויס פון קאפ?

– ווען איך ווער מיד פון מאכן ליאלקעס, טראכט איך: אפשר וועל איך פרווון טאן עפעס אנדער אויף א נאווינע.

איך בלייב נישט צופרידן. די ליאלקעס אליין רופן , אז עס איז פאראן עפעס מער, אזוי פיל מער. און דאס זעלבע רופן די ליכטיקע צעטאנצטע בילדלעך. וואס פארא מין וויסן פארמאגט זי? ווייסט זי נישט וויפל זי ווייסט?

זיכער. לכתחילה ווען כ'האב זיך אונטערגענומען נאכצופאלגן דעם קרעאטיוון פראצעס פון אט דער אויבנאויפיק פשוטער ארבעט פון מיין אומשול-דיק פראדוקטיווער מאמען, האב איך נישט געוווסט וויפל איך האב נישט גע-ווסט. דערפאר מיט וויפל ווייניקער בין איך פעיק געווען אצושאצן די שטופע פון איר פארשטיין, צי דעם ווערט פון מיין אפשאצונג, אז אלץ וואס זי האט געוווסט האט געמוזט איבערגעזעצט ווערן אין דער שפראך פון ווערטער? פאר וואס האט זי געדארפט קענען מיר דערקלערן דעם זינען פון איר מאכן ליאלקעס? איך ווער אויפגערעגט ווען מענטשן בעטן מיך דערקלערן מיינע ביכער [illegible]. א ווערק איז פאר זיך אליין די דערקלערונג. און דאך, ווייל איך טראכט , אז מענטש-לעכע שעפערישקייט איז אזוי וויטאל פארן ווילגעפיל פון מענטשן, און אזוי ווינציק דערפון פארשטייט מען, און עס ווערט אזוי אונטערשאצט אין אונדזער געזעלשאפט,נישט געקוקט אויף דעם

גאנצן הו-הא ארום דעם דאזיקן ענין, טראכט איך, אז עס קאן זיין נוצל פאר מיר צו פרווון ריפראדוציקן, אזוי פינקטלעך ווי אין קאן, וואס די מאמע האט מיר געהאלפן פארשטיין ווען מען וואלט איינגעפאלן, אז בקרוב מיט דרייסיק יאר צוריק, ווען איך האב זיך פארנומען, מיט דער פולער אראגאנץ וואס מיין קאלדזש-בילדונג האט מיר געגעבן, צו ווערן א קינסטלערין -- אז די יארן פון זוכעניש וועלן מיך ברענגען, אין די מיטעלע יארן, אראפצוקניען ווי א קליין קינד אויפסניי -- לעבן מיין מאמעס נאדלען?

זי פארמאגט זיכער נישט די אמביציע צו שאפן קונסט. אירע עסטעטישע ווערטן זיינען נישט געווארן פינקטלעך געזויבערט און צוגעפרעסט זיך אריינצופאסן אין די קולטורעלע אייבערשטע שופלעדער. אפטמאל פרעגט זי מיך, באמת דערשטוינט, פאר וואס איך רעד אזוי פיל וועגן די ליאלקעס און די בילדער און אירע שאפונגען פון כל המינים אפפאל, און איך דערמאן כמעט קיין מאל נישט איר פראכטפול צוזאמענגעשטעלט טישטעך פון שטיקלעך שטאף. צום ערשטן מאל, ווען איך האב געבראכט א קאלעקציע פון איר ארבעט אין אוניווערסיטעט פון מאניטאבע, כדי צו רעדן וועגן איר און זי אויסשטעלן, האט זי זיך שטארק געזארגט וועגן מיר. זי האט נישט געוואלט, אז איך זאל זיך צו-נאר מאכן און ארויסקומען א צעבראכענע. זי האט נישט געוואלט, אז מענטשן זאלן מיך אויסלאכן. פאר וואס זאלן געבילדעטע מענטשן וועלן הערן וועגן אירע ליאלקעס?

איך וועל דא נישט פרווון אפצושאצן איר ארבעט ווי קונסט אביעקטן. פונקט ווי אלע באמת איינציקארטיקע געשאפענע אביעקטן, פארמאגן זיי זייער אייגענע רגע. איך קום דא נישט וועגן און מעסטן. איך קום צו אנטפלעקן און האבן געניס, צו אנטפלעקן און זיך טיילן. איך קום נאכצופאלגן און צו פייערן דעם ברייטהארציקסטן אימפולס, און דעם צום מערסטן מיסטעריעזן פראצעס איז דעם מענטשן באקאנט, דעם אימפולס צו שאפן, דעם פראצעס פון שאפן. אויב איך וועל באוויזן צו באלייכטן, אפילו שוואכלעך, די ארבעט פונעם מעטשלעכן גייסט, אין זיין קרעאטיוויטעט, וועל איך גערן לאזן פאר אנדערע דאס וועגן און מעסטן, דאס אפשאצן, און פאנאנדערטיילן אויף קלאסיפיצירן.

(אנהייב פונעם בוך: אן אלטע פרוי
שפילט זיך.)

יידיש: חוה ראזענפארב